# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת כי תשא, שבת פרה, כ"ב אדר, שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 24 (489)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................**5:35**

מוצאי שב"ק......................**7:06**

**שיעורים כסדרן**

נ"ך..............מלכים-ב כ"א-כ"ב

בבלי......................פסחים ק"ה

ירושלמי.................יבמות ע"ד

תוספתא..........כלים מציעא ג'

רמב"ם...................גירושין ט'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַהֲסִרֹתִי אֶת כַּפִּי וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דוּ וֶועסְט מִיר זֶען פוּן הוּנְטְן אוּן נִישְׁט פוּן פָארְנְט,

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, קֶען עֶר אַלֶעס פַארְנֶעמֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן, וֵוייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיכֶער אַלֶעס צוּם גוּטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז סְ'אִיז דָא אַ שֵׂכֶל וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן "פָּנִים", דָאס אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט אוּן אָפְנְקֵייט, עֶר וֵוייסְט גְלַייךְ אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן "יְדִיעָה", עֶר וֵוייסְט אוּן פַארְשְׁטֵייט קְלָאר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; ווִידֶער אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע סָארְט שֵׂכֶל וָואס הֵייסְט "אָחוֹר", דָאס אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט גְלַייךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ הֶסְבֵּרִים אוּן הַקְדָּמוֹת בִּיז עֶר קֶען מַשִּׂיג זַיין אוּן פַארְשְׁטֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי שֵׂכֶל אִיז אַ בְּחִינָה פוּן "בְּחִירָה", דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט דֶעם כֹּחַ אוֹיסְצוּאוֶועלְן דִי גוּטֶע זַייט אָדֶער פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְלָאר בַּיי אִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הַרְאֵנִי נָא אֶת כְּבֹדֶךָ", אִיךְ ווִיל גְלַייךְ זֶען אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן. הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "דָאס קֶען נִישְׁט זַיין", וַוייל ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, מוּז עֶר הָאבְּן אַ בְּחִירָה, עֶר זָאל קֶענֶען אַלֵיינְס אוֹיסְוֶועלְן צוּ גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אוֹיב נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי בְּחִירָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אִיז עֶר דָאךְ שׁוֹין אַזוֹי ווִי אַ מַלְאָךְ.

וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ, דוּ וֶועסְט נָאר זֶען פוּן הוּנְטְן, דָאס מֵיינְט אַז נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ זֶען אוֹיף צוּרִיק, אַז אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען גוּט, אָבֶער פוּן פָארְאוֹיס וֶועט עֶס אוֹיסְזֶען אַסַאךְ מָאל שְׁלֶעכְט, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ דַארְפְן שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיכֶער אַלֶעס צוּם גוּטְן.

אָבֶער אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס פַאר אַ מֶענְטְשׁ ווִי סְ'אִיז אִים שְׁלֶעכְט, דַארְף עֶר בּוֹחֵר זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, צוּ ווִיסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיכֶער אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אִיז דָאס מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, אוּן בַּיי עוֹלָם הַבָּא שְׁטֵייט דָאךְ "עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ" (יְשַׁעְיָהוּ ס"ד, ג') אַ מֶענְטְשׁ קֶען דָאס נִישְׁט זֶען פוּן פָארְאוֹיס. וֶוען מְ'קוּקְט אָבֶער אוֹיף צוּרִיק, קֶען מֶען זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן וָואס מֶען אִיז אַרִיבֶּער, אִיז נָאר גֶעוֶוען פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

(זֹאת הַתּוֹרָה כִּי תִשָּׂא ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### גוּטֶע חֲבֵרִים

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ צוּ הָאבְּן חֲבֵרִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַלֵיין, וֶוערְט עֶר פוּן דֶעם זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אַזוֹי וַוייט אַז דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (תַּעֲנִית כ"ג.) "אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא" - אָדֶער הָאט מֶען חֲבֵרִים, אָדֶער ווִינְטְשְׁט מֶען זִיךְ דֶעם טוֹיט ח"ו. דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע גֶעבְּרוֹיךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּ הָאבְּן חֲבֵרִים, וַוייל אָן דֶעם הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין לֶעבְּן.

מֶען דַארְף אָבֶער אוֹיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט חֲבֵרִים. חֲבֵרִים אוּן גוּטֶע פְרַיינְד זֶענֶען טַאקֶע זֵייעֶר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, אָבֶער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ חַבֶר בְּלִינְדֶערְהֵייט. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט מֵיינְט זִיךְ, יֶעדֶער זוּכְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה, אוּן אֲפִילוּ דַיין בֶּעסְטֶער פְרַיינְד אִיז אוֹיךְ נָאר אִינְטֶערֶעסִירְט אִין זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה. ווִי לַאנְג עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק

<<<<<<

## א גוט ווארט

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְנָחוֹת כט.):

"שְׁלֹשָׁה דְבָרִים הָיוּ קָשִׁים לוֹ לְמֹשֶׁה", דְרֵיי זַאכְן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעדַארְפְט וַוייזְן ווִי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס, דִי מְנוֹרָה, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוּן שְׁרָצִים, פְרֶעגְט תּוֹסְפוֹת (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל שְׁלֹשָׁה דְבָרִים): "פַארְוָואס רֶעכְנְט מֶען נִישְׁט אוֹיס דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל וָואס עֶס שְׁטֵייט דֶערְבֵּיי 'זֶה יִתְּנוּ', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוִויזְן וָואס צוּ גֶעבְּן, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָאס אִיז?" עֶנְטְפֶערְט דֶער שִׁיטָה מְקֻבֶּצֶת: "דָארְט הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ פַארְשְׁטַאנֶען ווִי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס אַ שֶׁקֶל, עֶר הָאט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען ווִי אַזוֹי קֶען זַיין מֶען גֶעבְּט אַזַא קְלֵיינִיקֵייט, 'דָבָר מוּעָט יְכַפֵּר עַל עָוֹן', אַ קְלֵיינֶע הַאלְבֶּע דָאלֶער זָאל אָפְּמֶעקְן אַלֶע עֲבֵירוֹת?!"

דָאס הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן, אַז אַ אִיד בְּרֶענְגְט אַ קְלֵיינִיקֵייט, עֶר בְּרֶענְגְט זַיין הַארְץ - אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# קוּק נִישְׁט צוּרִיק אוֹיף נֶעכְטְן, קֶענְסְט נָאךְ אַלְץ פַאְרֶעכְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"ג אָדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר, אַזַא שָׁאד אַז דוּ בִּיסְט צוּרִיק גֶעפַאלְן, דוּ קוּקְסְט מָאוִויס; דוּ בִּיסְט דָאךְ אַזַא טֵייעֶר קִינְד, דוּ הָאסְט דָאךְ אַזוֹינֶע גוּטֶע זַאכְן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס טוּן? דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין טָאג אוּן נִישְׁט קַיין נַאכְט, דוּ בִּיסְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם טֶעלֶעפָאן, דוּ שְׁלָאפְסְט מִיט דֶעם, דוּ לֶעבְּסְט מִיט דֶעם.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרער ...., אֶפְשָׁר דָאךְ? אֶפְשָׁר הֵייבְּסְטוּ אָן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? הַיינְט נַאכְט אִיז פּוּרִים, עֶס אִיז אַ צַייט וָואס דוּ קֶענְסְט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה יג:): "אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָיְתָה עוֹמֶדֶת מֵחֵיקוֹ שֶׁל אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ", אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אִיז נֶעבֶּעךְ אָנְגֶעקוּמֶען אִין פַּאלַאץ פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, זִי אִיז גֶעלֶעגְן אִין חֵיקוֹ שֶׁל אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, דָאךְ הָאט זִי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶועןְ, "וְטוֹבֶלֶת" - זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ רֵיינִיגְן, "וְיוֹשֶׁבֶת בְּחֵיקוֹ שֶׁל מָרְדְּכַי", זִי אִיז גֶעלָאפְן צוּם צַדִּיק.

אַיֶּכָּה? וואוּ בִּיסְטוּ!? קוּם צוּרִיק, דוּ קֶענְסְט נָאךְ זַיין אַ צַדִּיק, דַיין נְשָׁמָה קוּמְט פוּן אוֹיבְן, עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי הֵיילִיג.

קוּק נִישְׁט צוּרִיק אוֹיף נֶעכְטְן, דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַלְץ פַארֶעכְטְן; וַוארְף אַוֶועק דֶעם טֶעלֶעפָאן, נֶעם דֶעם מִשְׁנַיוֹת מִיט דִי גְמָרָא, דַיין לֶעבְּן וֶועט צוּרִיק וֶוערְן לֶעבְּן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"א)

>>>>>>

אִינְאֵיינֶעם וֶועט עֶר טַאקֶע זַיין דַיין חַבֵר, אָבֶּער אִין דִי מִינוּט וָואס עֶס וֶועט אִים אוֹיסְקוּמֶען בֶּעסֶער אַנְדֶערְשׁ, קֶענְסְטוּ נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶר וֶועט דֶעמָאלְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען דַארְף הַאלְטְן אָפְן דִי אוֹיגְן אוּן קֵיינְמָאל קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן בְּלִינְדֶערְהֵייט.

דָאס אִיז גָאר אַ ווִיכְטִיגֶער כְּלַל וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּז וִויסְן כְּדֵי צוּ קֶענֶען דוּרְכְגֵיין זַיין לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט. מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף חֲבֵרִים בְּלִינְדֶערְהֵייט, וֶוערְן נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט. דֶער חַבֵר וֶועמֶען מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטְרוֹיעֶט, אוּן יֶענֶער הָאט מַמָּשׁ צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט הֶעלְפְן; דֶער זֶעלְבֶּער אִיז גָאר דֶער עֶרְשְׁטֶער דִיר צוּ בַּאגְרָאבְן וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוֹיס בֶּעסֶער אַזוֹי.

פַארְלָאזְן קֶען מֶען זִיךְ נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיף מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים ס, יג) "וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם" - סְ'אִיז פַאלְשׁ צוּ וַוארְטְן אוֹיף דִי הִילְף פוּן אַ מֶענְטְשׁ. וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַיין אַז סְ'אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן; זֵיי קֶענֶען נִישְׁט, זֵיי וִוילְן נִישְׁט, אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הֶעלְפְן; אַלְץ מֶער עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הוֹיבְּט אָן מֶער אוּן מֶער צוּ שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס שְׁטֵייט אִים צוּ דִי הַאנְט אוּן אִיז אִים גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער "שָׁ'וְא תְּ'שׁוּעַת אָ'דָם" אִיז דִי זֶעלְבֶּע רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וִוי דִי וֶוערְטֶער "אֲ' שְׂ'פָתַי תִּ'פְתָּח". דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם אַז וִוי מֶער מְ'זֶעט וִוי פַאלְשׁ סְ'אִיז זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף דִי הִילְף פוּן מֶענְטְשְׁן, אַלְץ מֶער רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז בַּיי אַלֶע סָארְט זַאךְ אַזוֹי אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, סְפֶּעצִיעֶל זֶעט זִיךְ עֶס אָבֶּער מֶער אַרוֹיס וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אָנְוָוארֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעלְט, נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן אִידִישׁ גֶעלְט. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָבֶּער זֵייעֶר נִישְׁט פָארְזִיכְטִיג בַּיי דֶעם, וֶוען עֶס קוּמְט אֵיינֶער וָואס זָאגְט צוּ גָאלְדֶענֶע גְלִיקְן אוֹיבּ מֶען וֶועט אַיינְשְׁטֶעקְן בַּיי אִים דָאס גֶעלְט, עֶר זָאגְט צוּ אַז מֶען וֶועט מַאכְן דֶערוֹיף טָאפְּלְט אוּן טְרִיפְּלְט, טְרַאכְט מֶען נִישְׁט צְוֵויי מָאל אֵיידֶער מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם אַוֶועק דָאס גַאנְצֶע אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט. אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אִיז שׁוֹין פַארְלוֹירְן אוּן מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אוֹיסְגֶעזֶעקְלְט אִינְגַאנְצְן. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען נָאךְ מֶעגְלִיךְ צוּרִיק בַּאקוּמֶען פוּן יֶענֶעם, אִיז נָאר אַז עֶר וֶועט דִיר אֶפְשָׁר אִיבֶּערְבֶּעטְן...

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס פְלֶעגְט אַרוֹיסְפָארְן יֶעדֶעס יָאר קַיין חוּץ לָאָרֶץ צוּזַאמְצוּשְׁטֶעלְן גֶעלְט. אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפָּארְט אַ סְכוּם פוּן פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן דַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים אִיבֶּערְגֶערֶעדְט אַז עֶר זָאל אַיינְלֵייגְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט בַּיי אִים, אוּן עֶר וֶועט דָאס צוּרִיק בַּאקוּמֶען מִיט גָאר גְרוֹיסֶע פַארְדִינְסְטְן, פִיל מֶער פוּן דִי גֶעלְט וָואס עֶר לֵייגְט אַיין. דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אִיבֶּער רֶעדְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מְצִיאָה וָואס אִיז אִים אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט אַהִינְגֶעגֶעבְּן פַאר יֶענֶעם זַיין גַאנְצֶע אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט. נָאךְ מֶער אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוָוארְן וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ חוֹדֶשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אִים שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּשִׁיקְן דִי חוֹדֶשׁ'לִיכֶע סְכוּם וָואס זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי צְוֵוייטֶע חוֹדֶשׁ, אוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם אִיד אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס. אָבֶּער דָא הָאט זִיךְ עֶס גֶעעֶנְדִיגְט... וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם דְרִיטְן חוֹדֶשׁ הָאט אִים יֶענֶער קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר הָאט אָנְגֶעזֶעצְט דֶעם גַאנְצְן גֶעשֶׁעפְט; עֶס טוּט אִים זֵייעֶר לַייד, אָבֶּער דָאס גֶעלְט אִיז מֶער נִישְׁט דָא צוּ בַּאקוּמֶען. אוּן דֶער אִיד אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעבְּלִיבְּן בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל.

וֶוען מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶער בַּיישְׁפִּיל אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הַאלְט אִין אֵיין וָוארֶענֶען אוּן חַזֶר'ן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין מֶענְטְשְׁן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן. דָאס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ אַוֶועקְצוּגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל בְּלוֹיז שְׁפִּילְן מִיר דִיר.

דָאס אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ אוּמְגֶעוֶוענְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג וָואס גֶעשֶׁעט זֶעלְטְן, דָאס אִיז אַ טָאג טֶעגְלִיכֶע עֶרְשַׁיינוּנְג אַז מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין אַזַא סָארְט פַּאסְטֶקֶע. עֶס זֶענֶען דָא גֶערִיבֶּענֶע שְׁווִינְדְלֶער וָועלְכֶע גֵייעֶן אַרוּם צוּ פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אַיינְשְׁטֶעקְן דָאס גֶעלְט בַּיי זֵיי, וֶועט מֶען מַאכְן אוֹיף דֶעם גְרוֹיס גֶעלְט. אוּן וֶוען דֶער שְׁווִינְדְלֶער הָאט שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶענוּג פִישׁ אִין זַיין נֶעץ, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעקְלִיבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ גֶעלְט, דַאן הוֹיבְּט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן אַנְטְלוֹיפְט דֶערְמִיט, אוּן עֶר רוּפְט אוֹיס אַז עֶר הָאט פָּשׁוּט אָנְגֶעזֶעצְט אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט דָאס גֶעלְט.

מֶען דַארְף פָּשׁוּט נוּצְן אַבִּיסְל דֶעם שֵׂכֶל אוּן אַרַיינְקְלֶערְן אַז אוֹיבּ אַ פְּרִיוַואטֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַז עֶר קֶען גֶעבְּן מֶער פְּרָאצֶענְט פוּן וִויפִיל דִי בַּאנְק גֶעבְּט, אִיז שׁוֹין אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ לִיגְנֶער. דָאס שְׁמֶעקְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן קַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט יֶענֶער אָנְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיין פָּנִים, אוּן עֶרְלִיךְ אַרַיינְשִׁיקְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צָאלוּנְגֶען, אוּן מִיט דֶעם גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל אַזוֹי וִוי אַלֶעס פַּארְט אוֹיף דִי גוּטֶע דִירֶעקְצִיֶע. דָאס אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי דֶער שְׁפִּיל פוּן דִי לָאטֶערִיעֶס אוּן דִי גֶעמְבְּל-שְׁפִּילְן, וואוּ דִי גֶעלוּנְגֶענֶע שְׁווִינְדְלֶער זֶעעֶן דֶערְצוּ אַז אִין אָנְהוֹיבּ זָאל דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדִינֶען עֶפֶּעס קְלֵיינִיקֵייטְן, אוּן דָאס זָאל גֶעבְּן דֶעם אַפֶּעטִיט פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַרַיינְצוּלֵייגְן נָאךְ אוּן נָאךְ גֶעלְט, זֵיי זָאגְן אִים: "דוּ זֶעסְט דָאךְ וָואסֶערֶע גוּטֶע מַזָל דוּ הָאסְט אַז דוּ פַארְדִינְסְט פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְט, יֶעצְט לֵייג אַרַיין דַיין גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ מַאכְן דֶערוֹיף כֵּפֶל כִּפְלַיִם"... אוּן דֶער נַאר אִיז דֶער וָואס פָאלְגְט זֵיי אוּן לֵייגְט טַאקֶע אַרַיין אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, אוּן דָארְט עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה...

אוּן צוּמָאל גֵייט עֶס נָאךְ וַוייטֶער. זֵיי קֶענֶען זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ: "דוּ ווֵייסְט דָאךְ אַז עֶס גֵייט אַזוֹי, אַמָאל פַארְדִינְט מֶען אוּן אַמָאל פַארְלִירְט מֶען. פְּרוּבִּיר נָאךְ אֵיין מָאל אוּן דַאן וֶועסְטוּ צוּרִיק מַאכְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט מִיט נָאךְ גְרוֹיסֶע פַארְדִינְסְטְן", אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר בָּארְגְט זִיךְ נָאךְ אָן פְרִישֶׁע גֶעלְטֶער מִיט דִי הָאפֶענוּנְג אַז נָאכְדֶעם וֶועט עֶר אַלֶעס קֶענֶען אָפְּצָאלְן אוּן עֶס וֶועט אִים נָאךְ אוֹיךְ אִיבֶּערְבְּלַייבְּן אִין דִי זַייט. אוּן וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַארְלִירְט עֶר אוֹיךְ דִי גֶעבָּארְגְטֶע גֶעלְט, אוּן יֶעצְט אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב צוּ זַיינֶע אַלֶע צָרוֹת. עֶר קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דְרֵייעֶן אוֹיפְ'ן גַאס וַוייל עֶר ווִיל נִישְׁט טְרֶעפְן זַיינֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת.

אוּן אִינְצְווִישְׁן, וִוי לַאנְג מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם צוּ בָּארְגְן פוּן דֶעם אוּן בַּאצָאלְן פַאר יֶענֶעם, קוּמְט שׁוֹין אָן דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת אוּן מֶען לִיגְט שׁוֹין אוֹיפְ'ן בֵּית עוֹלָם. עֶס שְׁטֵייט אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר (תִּקּוּן ג' מֵהַתִּקּוּנִים הָאַחֲרוֹנִים) אַז גֶעלְט שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס הַרְגְ'ט אִים אָבֶּער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז נָאר וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען הָאט נָאר בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נָאר אוֹיף אִים קֶען מֶען זִיךְ אֱמֶת'דִיג פַארְלָאזְן.

### חֲבֵרִים פוּן דִי גְמָרָא

אִין אוּמַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען ר' מַתִּתְיָהוּ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַז וֶוען עֶס אִיז אוֹיף אִים דוּרךְ אַ שְׁוֶועריקֵייט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט אַ צָרָה, פְלֶעגְט עֶר אִינְמִיטְן לֶערְנֶען זָאגְן: "אָמַר רָבָא, אָמַר רָבָא, רָבָא, רָבָא, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס אוּן בֶּעט פַאר מִיר אַז אִיךְ זָאל

<<<<<<

>>>>>>
גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי צָרָה. אָמַר אַבַּיֵי, אַבַּיֵי, אַבַּיֵי, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וֶוען עֶר הָאט דֶערְמַאנְט אַ נָאמֶען פוּן תַּנָּא אָדֶער אַמוֹרָא, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן יֶענֶעם אַז עֶר זָאל אִים קוּמֶען צוּ הִילְף. דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן דָאס צוּגֶעקוּקְט הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר רֶעדְט מַמָּשׁ צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס וֶוערְן דֶערְמַאנְט אִין דִי גְמָרָא. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין יְרוּשַׁלְמִי אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף עֶר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי דֶער תַּנָּא אָדֶער אַמוֹרָא שְׁטֵייט אִים פַאר דִי אוֹיגְן.

דָאס זֶענֶען יָא גוּטֶע חֲבֵרִים. אַ מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט אֱמֶת'ֶע חֲבֵרִים קֶען נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת אָדֶער גְמָרָא זָאל עֶר שְׁפִּירְן וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זֶענֶען זַיינֶע חֲבֵרִים, אוּן עֶר קֶען זִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיי זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אוּן זֵיי וֶועלְן אִים טַאקֶע זִיכֶער הֶעלְפְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, צַדִּיק ח"ב אוֹת כ') אַז וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים הֶעלְפְט דָאס אַז מֶען זָאל קֶענֶען בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת מַמָּשׁ שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעמַאכְט אַ סֵפֶר "שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים" וואוּ עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע צַדִּיקִים צוּ זָאגְן זֵייעֶרֶע נֶעמֶען אוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם. אָבֶּער וֶוען מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען בַּאגֶעגֶענְט זִיךְ מִיט נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, אִיז דָאס דִי זֶעלְבֶּע חָשׁוּב, אוּן מֶען קֶען דָאס אוֹיסְנוּצְן אוֹיף זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ יְשׁוּעָה.

אִין חַזַ"ל וֶוערְט אַ תַּלְמִיד חָכָם אָנְגֶערוּפְן אַ "חָבֵר" (עַיֵּין בְּמַסֶּכֶת דְּמַאי וּבְעוֹד הַרְבֵּה מְקוֹמוֹת). דָאס מֵיינְט אַז אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן אַ צַדִּיק אִיז דֶער בֶּעסְטֶער חָבֵר פַאר אַ מֶענְטְשׁ. וֶוען אַ אִיד אִיז נָאנְט מִיט אַ צַדִּיק, דַאן הָאט עֶר אַ רִיכְטִיגֶער חָבֵר וָואס וֶועט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין לֶעבְּן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס"ג:) זֵייעֶר הַארְבּ אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶערְנֶען מִיט אַ חָבֵר אוּן נִישְׁט אַלֵיין. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט מִיר גֶעזֶען אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוּן יָא גֶעלֶערְנְט אַלֵיין. דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים אַלְס חֲבֵרִים. ס'אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע חֲבֵרִים פוּן דֶעם.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס בַּאהֶעפְט זִיךְ נָאר צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן נֶעמְט זֵיי אַלְס חֲבֵרִים, אוּן עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ גֶעטְרוֹיעֶן אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף סְתַּם חֲבֵרִים וֶועלְכֶע קֶענֶען אִים זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרַא"שׁ חֵלֶק ה' עֶרֶךְ חֲבֵרִים וְחֵלֶק ג' עֶרֶךְ בִּטָּחוֹן)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (צז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי צִיעֶט זִיךְ אַרַיין אִין שְׁטָאט אוּמַאן.**

**שפד**

**שַׁבָּת פַּרְשַׁת רְאֵה** אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין אוּמַאן, עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין הוֹיז פוּן אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, ר' אַבְרָהָם חַיִּים, אוּן קֶעגְן אִיבֶּער דִי אַכְסַנְיָא אִיז דֶעמָאלְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אַ גְרוֹיסֶער רוּסִישֶׁער גֶענֶעַראל.

**שפה**

דִי שְׁטָאט אוּמַאן אִיז אִין יֶענֶע צַייט גֶעוֶוען פוּל מִיט חֲכָמִים אוּן בַּאקַאנְטֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ פֶעסְטוּנְג פַאר מַשְׂכִּילִים, אִין שְׁפִּיץ פוּן חֵייקֶל הוֹרְוִויץ אוּן זַיינֶע צְוֵויי אֵיידֶעמֶער, הִירְשׁ בֶּער הוֹרְוִויץ אוּן מֹשֶׁה לַאנְדָא.

זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען עֲשִׁירִים אוּן חֲכָמִים, אוּן נָאנְט מִיט דִי מְלוּכָה. הִירְשׁ בֶּער הוֹרְוִויץ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט צוּם קֵייזֶער, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּנֶעם קֵייזֶער אַ מַתָּנָה אַ גָאלְדֶענֶעם שְׁוֶוערְד, אוּן מֹשֶׁה לַאנְדָא אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער, אוּן בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוֶוען תַּלְמִידִים פוּן דֶעם מַשְׂכִּיל נַפְתָּלִי הִירְץ וִויזֶעל, דֶער מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר "יֵין הַלְּבָנוֹן". [דֶער סֵפֶר אִיז אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת, אוּן אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן מִיט אַן הַסְכָּמָה פוּן הֵיילִיגְן גָאוֹן דֶער בַּעַל נוֹדַע בִּיהוּדָה זי"ע, דִי טָמֶא'נֶע שְׁלֶעכְטֶע כַּוָּנָה פוּן דֶעם מַשְׂכִּיל נַפְתָּלִי הִירְץ וִויזֶעל אִיז גֶעוֶוען צוּ פַארְנַארְן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר

<<<<<<

>>>>>>
טוב פורים צו נדיבים בעם, צוזאמצונעמען באשטייערונגען פאר די הייליגע מוסדות.

די בחורים זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד, וויסנדיג פון וועלכע ישיבה עס האנדלט זיך, א ישיבה וואו די בחורים לעבן מיט'ן אייבערשטן, א ישיבה וואו יעדער בחור לערנט יעדן טאג בהתמדה רבה, בחורים וואס זענען אויסגעצייכנט מיט יראת שמים, מדות טובות, און איידלקייט, וואס מען טרעפט זעלטן.

עס זענען צוריק געהערט געווארן גאר גוטע גריסן, ווי די חשובע נגידים האבן גאר שטארק הנאה געהאט, עס האט זיך שטארק אנגעזען די דרך ארץ און איידלקייט פון די בחורים, און זיי האבן זיך אנגערופן מיט ווארימע סכומים. מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף איז עס אריבער מיט גאר גרויס הצלחה, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!**



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# זָאל אִיךְ בַּאזוּכְן מַיין זֵיידֶע וָואס קְרִיטִיקִירְט מִיר?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ דַארְף גֵיין בַּאזוּכְן מַיין זֵיידֶע, וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר אוּמְבַּאקְוֶועם וֶוען אִיךְ בִּין דָארְט, עֶר גֶעבְּט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ קְרִיטִיק, יֶעדֶע רִיר וָואס אִיךְ גֶעבּ, מַאכְט עֶר מִיר שְׁפִּירְן פוּן דֶעם זֵייעֶר נִישְׁט בַּאקְוֶועם.

אוֹיבּ גֶעפִין אִיךְ זִיךְ אִין דַיין גֶעגְנְט אוּן אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרַיין צוּ אִים, וֶועט עֶר מִיר פָארְהַאלְטְן פַארְוָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ צוּ גֵיין צוּ אִים, עֶר קְרִיטִיקִירְט מִיר צוּפִיל.

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי פְּרַאגֶע, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ גֵיין בַּאזוּכְן עֶלְטֶערְן אוּן עֶלְטֶערְנְס עֶלְטֶערְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען בַּאקוּמְט נָאר קְרִיטִיק. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער; קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן קְרִיטִיק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ט): "כִּי טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים"; גוּטֶע וֶוערְטֶער, פָּאזִיטִיוֶוע וֶוערְטֶער - הָאט מֶען לִיבּ צוּ הֶערְן.

מֶען דַארְף אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן זִיכֶער צוּ דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה, אַז דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן וֶועלְן קוּמֶען בַּאזוּכְן אוֹיף דִי עֶלְטֶער. דִי עֶלְטֶערְן וָואס רֶעדְן שֵׁיין, זוּכְן דָאס גוּטְס אִין יֶעדְן קִינְד, אִין יֶעדְן אֵיינִיקְל - צוּ זֵיי הָאט מֶען לִיבּ צוּ קוּמֶען. דִי אֵיינִיקְלֶעךְ פְרֵייעֶן זִיךְ אַלְץ וֶוען מֶען קֶען גֵיין צוּ דִי זֵיידֶע אָדֶער דִי בַּאבֶּע וָואס רֶעדְט שֵׁיין, שְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעבְּט יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע וֶוערְטֶער.

מִיט דֶעם אַלֶעם וָואס דַיין זֵיידֶע קְרִיטִיקִירְט דִיר, זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ גֵיין אִים בַּאזוּכְן; וֶוען עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִיר אוּן גֶעבְּט דִיר פְּסָקִים - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ; מִמָּה נַפְשָׁךְ, אִיז דָאס זַאכְן וָואס דוּ דַארְפְסְט פַארְרֶעכְטְן - זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "יְיַשֵּׁר כֹּחַ זֵיידִי, אִיךְ הָאבּ לִיבּ וֶוען זֵיידִי זָאגְט מִיר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן", אִיז עֶס סְתַּם שְׁלֶעכְטְקֵייט, נֶערְוֶועזְקֵייט - זָאלְסְטוּ רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין, נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארֶעוֶוען אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ע אִיד אוֹיף דֶער עֶלְטֶער"; יֶעצְט אִיז דִי צַייט מִיר זָאלְן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מִידוֹת, מִיר זָאלְן מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפ"ב), זוּכְן אִין יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע זַאכְן, זֶען דָאס גוּטְס בַּיי זִיךְ אוּן בַּיי אַנְדֶערֶע; יֶעצְט אִיז דִי צַייט אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט, אַרְבֶּעטְן נִישְׁט צוּ קְרִיטִיקִירְן אַנְדֶערֶע נָאר רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<<

הָאט אִים נָאר גֶעוִויזְן דֶער חֵלֶק פוּנֶעם סֵפֶר וָואס אִיז אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת, אוּן צוּם עֶרְשְׁט הָאט עֶר נָאר גֶעדְרוּקְט דֶעם חֵלֶק וָואס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען גוּט. אָבֶער דֶער עִיקָר חֵלֶק פוּנֶעם סֵפֶר הָאט נָאךְ גֶעפֶעלְט, עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַ דִיקְן בּוּךְ מִיטְ'ן נָאמֶען "יֵין הַלְּבָנוֹן", פוּל מִיט מִינוּת וּכְפִירוֹת וְאֶפִּיקוֹרְסוּת, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶר הָאט דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל פוּן מַסֶּכֶת אָבוֹת.

זַיין חֶשְׁבּוֹן אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט שְׁפֶּעטֶער אִיבֶּערְדְרוּקְן דֶעם סֵפֶר, אוּן דַאן צוּלֵייגְן זַיינֶע דֵעוֹת כּוֹזְבוֹת, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען פַארְנַארְן דֶעם עוֹלָם אַז עֶר הָאט אַן הַסְכָּמָה דֶערוֹיף פוּן הֵיילִיגְן נוֹדַע בִּיְהוּדָה, אִין דִי צַייט וָואס דֶער סֵפֶר וָואס עֶר הָאט גֶעוִויזְן פַאר דֶעם צַדִיק הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין וָוארְט פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דִי כְּתַב יַד פוּן דֶעם טָמֵא'נֶעם בּוּךְ אִיז גֶעלִיגְן בַּיי הִירְשׁ בֶּער].

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

# סימן טוב ומזל טוב

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די חיזוק שיעורים און בריוו, וואונטשן מיר א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

## צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען פיל אידיש נחת פון דעם קינד פון אלע קינדער און איניקלעך געזונטערהייט. און ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נחמן ניישטיין** שליט"א

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

**צו די שמחת החתונה למזל טוב פון זיין זון**

החתן מו"ה **שלום יוסף** הי"ו

**עב"ג בת**

מו"ה **אברהם משה שטראססער** שליט"א

מנהל מוסדותינו הקדושים

***

מו"ה **משה קרויס** שליט"א

**צו די שידוך שליסן למזל טוב פון זיין זון**

החתן מו"ה **אשר** הי"ו

**עב"ג בת**

מו"ה **יואל טייטלבוים** שליט"א

גבאי בית המדרש היכל הקודש, קרית יואל

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## פרייליכע פורים טעג אין ישיבה

גאר פרייליכע דערהויבענע פורים טעג האבן אנשי שלומינו מיטגעהאלטן אין ישיבה. פרייטאג פורים מיטאג זענען זיך אנשי שלומינו צוזאם געקומען צו די סעודת פורים בהיכל הישיבה, נאך די סעודה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ בתופים ובמחולות, און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים, בימים ההם - וואס מיר זענען ניצול געווארן פון המן הרשע, און מקבל געווען די תורה פון פריש - "קימו וקבלו היהודים". ובזמן הזה - אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פונעם הייליגן רבי'ן, וואס לערנט אונז שטענדיג אנצוהייבן פון פריש, זיך נישט לאזן פארפירן פונעם יצר הרע, נאר שטענדיג נאכאמאל צוריק קומען צום אייבערשטן, זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, און אזוי וועלן מיר זיכער שטענדיג מצליח זיין.

מ'האט געענדיגט די סעודה פרי, זיך צו קענען גרייטן צום שבת קודש. דער שבת איז אריבער מיט א פרייליכע און געשמאקע געמיט, און אום מוצאי שבת קודש איז מען זיך ווידער צוזאמגעקומען אין ישיבה ממשיך צו זיין מיט שמחת פורים. מ'האט געטאנצן און זיך געפריידט און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים.

זונטאג נאכמיטאג איז מען זיך צוזאמגעקומען צו א סעודת שושן פורים, דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט איבער דעם וואס דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן, "שושן פורים איז אויך פורים", דאס איז געווען ווען רבי נתן האט איין יאר זייער שטארק געוואלט אנקומען צום רבי'ן אויף פורים, אבער למעשה איז ער ערשט אנגעקומען אום שושן פורים. און דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אז דאס איז א שטארקע לימוד פאר אונז, אז נישט קיין חילוק וואס מ'האט אלץ פארפאסט, אפילו מ'שפירט אז מ'איז אנגעקומען שפעט, מ'האט זיך דערמאנט שפעט זיך צו נעמען אין די הענט אריין, דארף א איד וויסן אז ס'איז קיינמאל צו שפעט, מ'קען אייביג אנהויבן פון ניי, ווען מ'דערמאנט זיך נאר קען מען גלייך צוריק קומען צום אייבערשטן, און דער אייבערשטער נעמט אויף יעדן איינעם, סיי ווען, מיט ברייטע ארעמעס.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען זיכער גע'פועל'ט ישועות און רפואות פאר די גאנצע יאר.

**והימים האלה נזכרים ונעשים!**

***

## פרייליכע חתונות אין בית המדרש

דעם פארגאנגענעם דינסטאג תצוה איז געגאנגען אונטער די חופה החתן מו"ה אהרן לונגער הי"ו בן מו"ה מרדכי הי"ו, עב"ג בת מו"ה ישראל מרדכי פרושינובסקי הי"ו.

און דעם מאנטאג כי תשא איז פארגעקומען די חתונה פון החתן מו"ה שלום יוסף הי"ו בן מו"ה נחמן ניישטיין שליט"א, מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים, עב"ג בת מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א, מנהל ישיבתינו הקדושה.

דאס זענען געווען די 21'סטע און 22'סטע חתונות בהיכל הבית המדרש, וואס האט "גארנישט" געקאסט פאר די מחותנים, אזוי ווי ביי די אלע פריערדיגע חתונות אין ישיבה.

עס דערפרייט דאס הארץ צו זען ווי תלמידי היכל הקודש האבן דעם קאפ אויפ'ן פלאץ, זיי זוכן נישט אויסגעבן טייער אידיש געלט פאר נארישע כבוד המדומה, זיך איינצורעדן אז איינער קוקט עס בכלל ארויף, נאר מ'מאכט חתונה אויפ'ן פשוט'סטן און ביליגסטן אופן, בלויז ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן אז מ'דארף חתונה מאכן די קינדער.

ווי מ'האט שוין געזען ביי די פריערדיגע חתונות אין בית המדרש, זענען די חתונות געווען גאר גאר פרייליך, מ'האט געטאנצן און משמח געווען אויף גאר א שטארקן פארנעם, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די אלע איבריגע נארישקייטן אויף וואס מענטשן ווארפן געלט אין מיסט, העלפן בכלל נישט ארויס צו די שמחה. די איינציגסטע זאך וואס האט געפעלט ביי די חתונות איז נאר געווען די חובות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן אויפצושטעלן בתים נאמנים לה' ולתורתו, מיט דורות ישרים ומבורכים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## בחורי הישיבה שיין אויפגענומען בעצם יום הפורים

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן זענען די בחורים פון ישיבה אויך דאס יאר ארומגעגאנגען אום יום

<<<<<<


## חינוך אפטיילונג

**פארבעסערט אייער באציאונג מיט אייערע קינדער. הערט חיזוק און עצות, שמועסן און געדאנקען, איבער חינוך.**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 4, 2**

## עצתו אמונה ביי אייער טיר




סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**